

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

שלח
תשפ"ב לפ"ק
גליון רכ"ה

## פראגע

### איז האבן א פיש-טאנק אינדערהיים א גוטע וועג אויסצולערנען קינדער נפלאות הבורא?

## ענטפער:

צו האבן אן עפל אינדערהיים איז א גוטע וועג. לייג אן עפל אויפ'ן טיש און לערן דיינע קינדער צו שעצן דעם עפל. "קוק ווי הערליך עס איז. עס קוקט אויס כמעט נאטירליך... עס שיינט פון אינדרויסן כמעט ווי פלעסטיק, א ג-ט-געמאכטע פלעסטיק. אבער עס איז אזוי שיין. און ווען מען ענדיגט עס עסן ליגט אינעווייניג א "קיופאן"; דאס קערנדל וואס ערלויבט דיר איינצופלאנצן נאך א פרוכט. די קערנדלעך זענען אויך וואונדערבאר; עס איז נסים." מיט דעם קענט איר לערנען אייער קינד נפלאות הבורא אינדערהיים.

איר דארפט א פיש-טאנק? ס'איז גארנישט שלעכט; אבער עס פעלט נישט אויס. יעדע מאל איר עפנט אן מאראנץ זאג: מיין קינד, פארוואס איז א מאראנץ אזוי הערליך קאלירט פון אינדרויסן, אבער ווען מען עפנט די הויט זעט מען נישט קיין שום קאליר פון אינעווייניג אויף די הויט? דאס איז א קשיא וואס קיין שום וויסנשאפטלער קען נישט ענטפערן! זיי קענען זיך שטעלן אויפ'ן קאפ, אבער נישט ענטפערן אויף די קשיא. פארוואס איז די שאלעכטס פונעם מאראנץ אזוי הערליך אראנדזש פון אינדרויסן, אבער אינעווייניג פונעם שאלעכטס איז נישטא קיין שום קאליר? קיינער קען עס נישט ענטפערן.

ווייל עס האט בלויז איין ענטפער. דער אויבערשטער וויל דו זאלסט זען די קאליר, צו ווערן צוגעצויגן פון עס. איינמאל עס איז שוין אפן, ווערסטו שוין זען דעם פרוכט און דו ווערסט עס סיי-ווי עסן – יעצט פעלט שוין נישט אויס קיין קאליר אויף די אינעווייניגסטע זייט פון די שאלעכטס.

די צוועק פון קאליר איז "חסד"; דער אויבערשטער וויל טון גוטס. נישט בלויז גיבט ער דיר עפעס צו עסן, ער גיבט עס **"בחן ובחסד וברחמים"**. ער מאכט די קאליר דיר צו מאכן פרייליך; אבער פון אינעווייניג איז קאליר איבריג. פון דעם זעען מיר אז קאליר איז נישט קיין צופאל. ס'איז נפלאות הבורא.

דערפאר, אודאי דארף מען אויסלערנען אינדערהיים נפלאות הבורא, אבער צום ערשט דארף מען עס אויסלערנען פאר זיך אליינס. (E-2 #)

## פראגע

### דארף זיך א מענטש שעמען פון בעטן דעם אויבערשטן גשמיות'דיגע געברויכן?

## ענטפער:

דוד המלך האט געזאגט (תהלים קלא, ב) **"נפשי כגמול עלי אמו"** – איך בין אזוי ווי א קליינע בעבי וואס ליגט אויף זיין מאמע און בעט זיך צו זייגן.

ווען דוד האט עס געזאגט איז ער שוין געווען אן ערוואקסענער מענטש, אבער ער זאגט איך בין גארנישט חוץ א בעבי, און אלעס וואס איך דארף בעט איך פון מיין מאמע. א קליין קינד שעמט זיך נישט צו בעטן, ווען ער איז הונגעריג וויינט ער. ער שעמט זיך גארנישט.

א גרויסער, ערוואקסענער מענטש דארף וויינען צום אויבערשטן פאר **אלעס** וואס ער דארף. וויין צום אויבערשטן אויף א צאן-ווייטאג; וויין צום אויבערשטן אז דיין קאסטומער זאל מסכים זיין צו דיין געשעפט און דיר געבן דעם ארדער; וויין צו השי"ת אויף יעדע זאך!

ווייל **מיר זענען בעביס**. מיר דארפן אריינגעמען אין קאפ אז מיר זענען גארנישט, מיר האבן נישט קיין שום כח. "כגמול", ווי א קליינע בעבי וואס וויינט אז די מאמע זאל אים אויפהייבן. **"כי אבי ואמי עזבוני וה' יאספני"** (תהלים כז, י) – מיר האבן נישט קיין עלטערן. דער אויבערשטער גיבט זיך אפ מיט אונז. דער אויבערשטער איז אונזער טאטע.

אזוי דארפן מיר אלעמאל זיין. קיינמאל זאל מען זיך נישט שעמען פון בעטן דעם אויבערשטן סיי–וואס מען וויל.

## פראגע

## מעגן אינגלעך האבן סיי-וועלכע פריינדשאפט מיט מיידלעך?

## ענטפער:

אן ענטפער אויף די שאלה איז באמת גענצליך איבריג. דער ענטפער איז נ–י–י–ן!! דאס אלעס. דער אמת איז אז נישט בלויז פריינדשאפט; עס זאל בכלל נישט זיין קיין שום קירבה. עס זאל נישט זיין די מינדעסטע שייכות. מען זאל זיך נישט אפשטעלן אויף די גאס רעדן צו א מיידל. אויב ער טרעפט א מיידל אויף די גאס און ער וויל מקיים זיין די מצוה פון "מקבל את כל האדם בסבר פנים יפות", ניין, עס גייט נישט אן צו מיידלעך.

פאר פערציג יאר צוריק בין איך אמאל געווען אין א קאנטרי מיט סאטמארער חסידים, און מיר האבן געזאגט קינות פון תשעה באב. האב איך געזאגט צו דעם חסיד וואס איז געזעסן נעבן מיר "די פרויען אינדרויסן זענען צו ווייט. זיי קענען נישט הערן די קינות." האט ער מיר געזאגט, "זיי זענען נישט **גענוג** ווייט. ווי ווייטער זיי זענען אלס בעסער." דאס איז א דבר חכמה וואס איך האב געהערט פון איס.

יעצט מיינט נישט אז ער דערנידערט פרויען. ניין. ער איז נישט מבזה די פרויען! ער אנערקענט אבער דעם אמת פון די מענטשליכע נאטור. און נארט אייך נישט וועגן דעם.

עס איז דא א סימן אין שולחן ערוך מיט'ן קעפל "להתרחק מן הנשים" – זיך צו האלטן ווייט פון פרויען. און פרויען זאלן זיך האלטן ווייט פון מענער. דאס איז אן אייזענע כללי! עס איז א שכל הישר כלל. אמאליגע צייטן האבן עס אפילו להבדיל די גוים אליינס פארשטאנען. אזוי וויכטיג איז עס. (# 867)

## פראגע

## זאלן מיר עסן נאטירליכע, געזונטע שפייז צו היטן אונזער געזונט?

## ענטפער:

דאס איז א נושא וואס איך בין נישט פעאיג צו רעדן דערוועגן. איך בין זיכער אז שפייז וואס זענען ריין פון פעסטיסייד און עדיטיווס זענען מער געזונט, ווייל עס איז נישט קיין ספק אז דער אויבערשטער קען פראדוצירן בעסערע זאכן ווי מענטשן קענען; אבער מער פון דעם קען איך נישט זאגן.

אויב מען האט פולע-ווייץ-ברויט, למשל, פארשטייען מיר אז עס ליגט דארט אלע באשטאנדטיילן וואס דער אויבערשטער האט געוואלט עס זאל האבן. יעדער קען די מעשה מיט די רייז. עס איז געווען א צייט ווען ווייסע רייז איז געווען פאררעכנט אלס די איינציגסטע וועג עס צו עסן; זיי פלעגן אראפנעמען די ברוינע צודעק פונעם רייז-קערנדל. דעמאלטס האבן זיי אנגעהויבן ליידן פון א מחלה גערופן "בעריבערי", און זיי האבן נישט געוואוסט די סיבה דערצו. זיי האבן געזען אז די הינדלעך בליען; די הינדלעך האבן מען געגעבן צו עסן די שאלעכטס און זיי האבן געבליט. אבער מענטשן האבן געליטן. א דייטשער דאקטער האט אויסגעטראפן אז די בעסטע חלק גיבט מען פאר די הינדלעך!

דעריבער פארשטייען מיר אז דער אויבערשטער האט אריינגעלייגט די שאלעכטס, נישט בלויז אפצוהיטן די רייז-קערנדלעך פון אינעווייניג, נאר זיי דארפן אויך געגעסן ווערן ווייל עס גיבט צו געוויסע וויטאמינען. עס איז נישט קיין שאלה אז מענטשן האבן געמאכט גרויסע טעותים אין די טעמע פון שפייז, אבער איך קען אייך נישט זאגן מער דעטאלן, ווייל איך ווייס גארנישט איבער די נושא.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמיד הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# דער צווייטער באנד!

פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן

## ארויס פון דרוק!




אידיש!

**פרישע הונדערטער**
**פראגעס און ענטפערס**

אין אלע תחומי ההיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה

דערקוויקט אייער
מח און נשמה!

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל




בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער שמחה, שבת התוועדות




- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק







צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

**עונג שבת/גוט שבת** שע"י **מערכת להתענג**

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב